# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Vol. XIV No. 6 | 50 CENTS A YEAR | FEBRUARY, 1932

## A POLITICIAN WHO HAD NO PULL

Now Naaman, captain of the host of the king of Syria, was a great man with his master, and honourable, because by him the Lord had given deliverance unto Syria: he was also a mighty man in valour, but he was a leper. And the Syrians had gone out by companies, and had brought away captive out of the land of Israel a little maid; and she waited on Naaman's wife. And she said unto her mistress, Would God my lord were with the prophet that is in Samaria; for he would recover him of his leprosy. And one went in, and told his lord, saying, Thus and thus said the maid that is of the land of Israel. And the king of Syria said, Go to, go, and I will send a letter unto the king of Israel. And he departed, and took with him ten talents of silver, and six thousand pieces of gold, and ten changes of raiment. And he brought the letter to the king of Israel, saying, Now when this letter is come unto thee, behold, I have therewith sent Naaman my servant to thee, that thou mayest recover him of his leprosy. And it came to pass, when the king of Israel had read the letter, that he rent his clothes, and said, Am I God, to kill and to make alive, that this man doth send unto me to recover a man of his leprosy? Wherefore consider I pray you, and see how he seeketh a quarrel against me. And it was so, when Elisha the man of God had heard that the king of Israel had rent his clothes, that he sent to the king, saying, Wherefore hast thou rent thy clothes? Let him come now to me, and he shall know that there is a prophet in Israel. So Naaman came with his horses and with his chariot, and stood at the door of the house of Elisha. And Elisha sent a messenger unto him, saying, Go and wash in Jordan seven times, and thy flesh shall come again to thee, and thou shalt be clean. But Naaman was wroth, and went away, and said, Behold, I thought, He will surely come out to me, and stand, and call on the name of the Lord his God, and strike his hand over the place, and recover the leper. Are not Abana and Pharpar, rives of Damascus, better than all the waters of Israel? may I not wash in them, and be clean? So he turned and went away in a rage. And his servants came near, and spake unto him, and said, My father, if the prophet had bid thee do some great thing, wouldest thou not have done it? how much rather, when he saith to thee, Wash and be clean? Then went he down and dipped himself seven times in Jordan, according to the saying of the man of God: and his flesh came again like unto the flesh of a little child, and he was clean. II Kings 5:1-14

You see, dear readers, that money does not count with God. All the money in the world can not buy your way into heaven. Naaman thought it could, and Naaman was a great politician; he was captain of all the armies of Syria. But, as big as he was and as important as he was, and as wealthy as he was, he had one terrible thing the matter with him—he was that most loathsome of all human beings, A LEPER!

And even the King of Syria himself sent Naaman down to our Jewish prophet Elisha, and sent with him what would be today many thousands of dollars thinking in his foolishness that this would buy favor with God! But the prophet of God did not even so much as come out to see him. Instead he sent word to him by a messenger, and told him to go and wash himself in a mud stream known as the river Jordan. And this, to a man who was captain of all the armies of Syria!

And it was not until Naaman, the great politician, was willing to humble himself and do what the prophet told him, that he became cured of his leprosy.

And likewise you, dear reader, you may be busy from morning until night being the president of a hospital, and the chairman of a committee for helping the poor, and the secretary of a benevolent society, and you may be at the head of all the charities in America, but if you are unwilling to obey God, you may remain in the same sad plight that Naaman was in, for your soul will be saturated with the loathsome leprosy called by God with the ugly name———SIN.

There is only one way by which God has revealed to us that we are to be rid of our sins:

"Sirs, what must I do to be saved? And they said, Believe in the Lord Jesus Christ, and thou shalt be saved, and thy house." Acts 16:30, 31.

The other day a great Jewish philanthropist died. The newspapers were full of the accounts of the many millons of dollars which he gave away during his life time to all kinds of Jewish charities. This man was great as the world counts greatness; he had money, he was a captain of industry, he was honorable; but, in God's sight this man's soul was shot through and through with leprosy; he was a sinner. Every man that is born in the world is a sinner. And unless this particular Jewish philanthropist, and indeed every other human being, whether Jew or Gentile, was willing to humble himself, and with all his greatness and all his money, he was willing to do as God had told him to do, bow down to the Lord Jesus Christ and believe on Him as Saviour, and accept for himself the atonement, the sacrifice, which the Lord Jesus Christ made on the Cross, through th shedding of His own blood, this Jewish philanthropist, and everyone else, must remain a leper, and he is lost. No amount of money that we give away will ever buy us a place in heaven. How foolish for anyone to think for a moment that he can buy God! He owns all the world, He owns all the silver and gold, indeed He made the world; why should he need your money? What God does need, and what he hungers for, is your heart! He is looking for men and women who will obey Him, which to Him is worth more than all of your wealth and all of your charities and hospitals. Nothiny that your child can do for you will mean as much to you as his true affection and his true obedience to you. And so it is with God, He wants your obedience and your love. And He is waiting for this world of ours to turn to Him and accept the sacrifice made by His only begotten Son, the Lord Jesus Christ, through whom alone there is forgiveness for our sins. Will you, dear reader, take this step today? Will you not have as much common sense as Naaman of old had and humble yourself, and believe on the Lord Jesus Christ, and be saved?

שיקט אונז 25 סענט אין סטעמפס וועלען
מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאמענט
אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש.
דאס וועט אייך די אויגען עפענען.

אדרעס:
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

**OUR HEADQUARTERS**



**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English.

Address:
THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

## QUESTIONS AND ANSWERS

Readers are invited to send questions for this Column. Your question should be signed, but in no case will your name be made public; it will be kept in confidence, as evidence of your good faith.

Question No. 15 Why are the Jews today without a king?

Answer. This question opens up a most interesting field of discussion, but we have only space to give a few suggestive thoughts by way of answer. The immediate answer to the question is that our forefathers sinned wickedly, and God foretold them that if they disobeyed Him, He would drive them out of the land. Just read in Leviticus 26 the terrible punishments that God warned us would come; we quote here just one or two verses:

> I will bring the land into desolation; and your enemies which dwell therein shall be astonished at it. And I will scatter you among the heathen, and will draw out a sword after you: and your land shall be desolate, and your cities waste. And upon them that are left alive of you I will send a faintness into their hearts in the lands of their enemies; and the sound of a shaken leaf shall chase them; and they shall flee, as fleeing from a sword; and they shall fall when none pursueth." Lev. 26, 32, 33, 36.

For many centuries God sent us prophet after prophet, and these prophets our forefathers misused; some they killed brutally. Finally God sent His only begotton Son, the Lord Jesus Christ, and, shocking as it is, our forefathers rejected this last effort which God made to bring them back. One day the crowd of Jews in Jerusalem, egged on by the rabbis, the priests, the Scribes, joined in the frightful shout, "Away with Him! Away with Him!"

Sometime before this terrible event happened, the Lord Jesus Christ, already knowing that our forefathers hated him, had pronounced upon them this frightful punishment:

> "O Jerusalem, Jerusalem, thou that killest the prophets and stonest them which are sent unto thee, how often would I have gathered thy children together, even as a hen gathereth her chickens under her wings, and ye would not! Behold, your house is left unto you desolate. For I say unto you, Ye shall not see me henceforth, till ye shall say, Blessed is he that cometh in the name of the Lord." Matt. 23:37, 38, 39.

It was a sad day for our people when they rejected their king, the Lord Jesus Christ; but there awaits us a wonderfully glad day whenever we as a nation are ready to turn to the Lord Jesus Christ, and with a shout of welcome, cry out, "Blessed is He that cometh in the name of the Lord!"

## OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

BROOKLYN, N. Y.
BETH SAR SHALOM
27 THROOP AVE., COR. WALTON ST.

PHILADELPHIA, PA.
BETH SAR SHALOM
535 SPRUCE STREET

PITTSBURGH, PA.
BETH SAR SHALOM
1861 ROSE STREET

DETROIT, MICHIGAN
BETH SAR SHALOM
7709 OAKLAND AVE. AT CLAY

---

## אונזערע מיסיאָנען:

איהר קאָנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פאַרשידענע טראַקטאַטען און ביכער, ווען איהר וועט באַזוכען א־ער שרייבען צו אונזערע פאָלגענדע מיסיאָנען:

ברוקלין, נ. י.
בית שר שלום
27 טרופּ עוועניו

פילאַדעלפיא, פּא.
בית שר שלום
535 ספּרוס סטריט

פיטסבורג, פּא.
בית שר שלום
1861 ראָוז סטריט

דעטראָיט, מישיגען
בית שר שלום
7709 אוקלענד עווע., ביי קלעי

---

נחלה געווען.

יצחק האט זיך אבער נישט פערלוירען, די סטראַשונקעס האבען איהם לחלוטין גאר ניט גע־ארט, ווייל ער האט גוט געוואוסט אז ישוע המשיח זאגט אין מתתיהו י"ט 29: „וכל איש אשר יעזב בתים או אחים . . . או אב או אם . . למען שמי ימצא מאה שערים וחיי עולם יירש. ד"ה, אז אין ישוע המשיח קאן מען קיינמאל גארנישט פארלירען.

ווען זיינע עלטערן זיינען מיט יארען שפּעטער געשטארבען האבען זיינע צוויי ברידער איהם דאך נעגעבען זיין חלק ירושה וואס איז איהם געקומען.

באלד איז אונזער „העלמוט" אין איין העכערען שטודיאום איינגעטרעטען און איז פון דארט ארויס מיט'ן טיטל „רעווערענד דאקטאר", און אונזער מאַ־דערנער יצחק איז זייט דאמאלס אזוי געווארען ווי יצחק אבינו איז אמאל געווען: „ויגדל האיש וילך הלוך וגדל עד כי גדל מאד" (בראשית כ"ט:13). ער איז תמיד העכער און העכער געשטיגען אויף דער לייטער פון הצלחה און איז מיט א קורצער צייט שפּעטער געווארען דער „בישאָף" איבער דער ענגלישער קירכע אין קענעדע.

בישאָף העלמוט האט באקומען מאסען פריינד, אי אונטער אידען אי אונטער קריסטען ווייל מ'האט געזעהן אין איהם די אויפריכטיגקייט צו זיין אמונה. ער האט נישט געלעבט פאר זיך ווי סתם מענשען לעבען, נייערט פאר דער מענשהייט בכלל און פאר אידען בפרט. א איד א טובה צו טהון איז פאר איהם קיין מיה און קיין פרייז צו־טייער גע־ווען. ער האט געלאזט אויפבויען אוניווערזיטעטען און פערשידענע וואהלטעטיגקייטס אנשטאלטען. ער האט תמיד געשטרעבט די פינסטערע אונוויסענ־הייט אונטערצודריקען און מעהר ליכט אריינצו־ברענגען.

ער איז אויך געווען א גרויסער בעל צדקה. ער האט שטארק געהאלטען פון „מתן בסתר", אזוי ווי ישוע המשיח האט אונז באלערענט אין מתתיהו 6, 1-5. נישט ווי היינטיגע אידען וואס ווען זיי גי־בען א דאלאר אויף צדקה, צוטראגען די אידישע צייטונגען אויף טעלערלעך.

בישאָף העלמוט האט תמיד נור גוטעס גערעדט איבער אידען, ספּעציעל אין די קירכען, וואס זיינען געווען אונטער זיין רשות. און די מיטגלידער פון יענע קירכען הערענדיג זייער בישאָף, דעם גרויסען איד, אזוי ווארעם רעדען איבער אידען, האבען זיי אויך אנגעהויבען צו ליעבען אידען. און אזוי נאך איז בישאָף העלמוט געווען א ברכה פאר אידען דורך ישוע המשיח.

מי יתן והיה, אז אסאך אידען, יא, אלע אידען זאלען זיין ווי „בישאָף העלמוט", אמת'דיגע תלמי־דים פון ישוע המשיח און אויך ארויסגעהן צו די גוים, כדי אויך זיי ברענגען תחת כנפי השכינה דורך ישוע המשיח, ווייל דאס איז אונזער עובדא. אזוי ווי גאט זאגט דורך ישעיה הנביא: „עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו". וואלט באלד די גאולה דא געווען וואס וואלט זיין א נחמה על כל ישראל.

**מיר לאַדענען אייך איין צו אונזערע פערזאַמלונגען.**

**איהר זענט דאך א איד, טא ווארום זאלט איהר ניט וויסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאַמ־לונגען פרייטאג און מאנטאג, 8 אוהר אבענד, וועלען מיר דאס אייך ערקלערען.**

אויך קומט עלטערן־מערדעריי פון אן אונבעדייטענדע קוואל, און די קליינע קוואל איז, די גרינגשעצונג פון קינד צו די עלטערן, וועלכעס איז דער ערשטער שריט פון פאטער־מארד.

מ'דערצעהלט ווי לעהרער פון שוהלען האבען אמאל אנגעפרעגט זייערע שילער אין עלטער פון 8—10 יאהר, אז זיי זאלען אויפשרייבען זייער מיינונג וועגען זייערע עלטערן, האבען פיעלע דרויף געענטפערט אויף א זעהר מיאוס'ען אופן, באנוצענדיג שענדליכע אויסדריקע וועגען זייערע עלטערען. דאס זענען יונגע קינדער. ווען זיי ווערען אבער עלטער, ווארטען זיי נישט מעהר אז א לעהרער זאל זיי פרעגען וועגען דעם, נייערט זיי דריקען זיך אויס אין דער עפענטליכקייט אבשטויסענד און נידריג געגען זייערע עלטערן, רופענדיג זיי „אלטע נארען“, א. ד. ג.

פון וואנען איז אבער געקומען דער אנפאנג דערפון? יא, עם קומט ווייל עס איז לגמרי נישטא אין יענע יונגע הערצער די פורכט פאר גאט וועלכער האט געגעבען אויפ'ן בארג סיני מיט פייערדיגע ווערטער דאס געבאט „כבד את אביך ואת אמך“ און שפעטער דורך משה רבינו געבאטען: „איש אמו ואביו תראו“, ד''ה, צו עהרען טאטע־מאמע און מורא האבען פאר טאטע־מאמע.

יענע ווערטער האבען געהאט א גרויסע ווירקונג אויפ'ן אידישען הארץ אין אלע דורות. א טאטע, א מאמע, האט מען בכבוד געהאלטען, געעהרט און געשעצט בלב ונפש. יענע הייליגע ווערטער זענען אבער איצט לגמרי פארשוואונדען געווארען און דאס אידישע הערץ איז איבערגעבליבען ליידיג און פוסט, אמשטאדט נאטס א ווארט אין יונגען אידישען הערץ, האט פלאץ גענומען דעם טייפעלס א ווארט וועלכעס ברענגט לאנגזאם און זיכער צו רוגזה און רציחה.

און פעראנטווארטליך פאר די אלע טרויעריגע פאקטען איז נור דאס וואס אידישע קינדער דא אין אמעריקא ווייסען לגמרי גאר נישט וועגען גאטס ווארט ווייל קיינער לערנט דאס נישט מיט זיי. מ'איז יוצא ווען מ'לערנט מיט'ן קינד עברי, תפילין לייגען, מאכען א ספיטש צו בר מצוה (דרשה) און זאגען קדיש. אט דאס איז די גאנצע תורה פון א דורכשניטליכען אמעריקאנער אידיש אינגעל.

אמאל פלעגט מען לערנען מיט די קינדער דאס תנ"ך (תורה נביאים וכתובים) אין די פובליק סקולס (רעגירונג שוהלען) דא אין אמעריקא, און אזוי נאך האט זיך איינגעברענט אין זייערע הערצער גאטס מצוות צווישען וועלכע עס איז אויך דער „כבד את אביך ואת אמך“. איצט אבער האבען אידען אנגעהויבען צו זאגען א דעה אין דער רעגירונג און זיי ווילען לגמרי נישט טאלערירען דאס הייליגע בוך אין דער שוהל, וואו זייער קינד געהט לערנען.

און דאס פארשטעהט מען דאך במילא, אז ווען אין דער פובליק סקול נישט, און אין חדר לערנט מען אויך נישט מעהר ווי עברי, דער טאטע האט דאך אודאי קיין צייט נישט צו לערנען מיט'ן קינד א פסוק תנ"ך, ווייל בייטאג איז מען פערהאוועט מיט דאגות פרנסה און אין אבענד דארף מען דאך געהן צו א „פיקציע“ מיט דער פאמיליע, און אזוי נאך וואקסט אויף פון מאנכע קינדער א בן סורר ומורה, וואס מיינט א קאנדידאט צום עלעקטריק טשער. דערפאר זיינען נעביך זייט די לעצטע יאהרען אזוי פיעל אידישע יונגע קינדער אין תפיסות און אנדערע זענען צום עלקטריק טשער גע־פיהרט געווארען וועלכעס האט געבראכט א גרויסען חילול השם און א בזיון צום אידישען פאלק!

און בעטראכט נור, ליעבער לעזער, פון וואנעט דאס אלעס איז געקומען, אזוי ווי מיר האבען שוין אויבען אנגעוויזען, אלץ פון א קליינע קוואל, פאר נישט לערנען מיט די קינדער דאס תנ"ך, אזוי ווי יענער גרויסער טייך וואס הויבט אן ביי א קליין קוועלעכעל.

דער ריכטער פאוסעט, פון קאונטי געריכט, האט מיט אונטערשטראכענע ווערטער ארויסגעגעבען א באשטעטיגונג אז פון אלע פארברעכענס וואס קומען פאר איהם פאר, זענען אלע נור אזאלכע וואס האבען קיינמאל די ביבעל ניט געלערנט.

עס פרעגט זיך איצט, ליבער לעזער, קאנט איהר זיין רוהיג און שווייגען צו די גרויסע פעראנטווארטליכע סיטואציע מצד די רבנים וואס זענען דאגעגען צו לערנען דאס תנ"ך אין דער סקוהל, דער פועל יוצא פיהרט צו רוגזה און רציחה און ענדיגט מאנכעס מאל מיט עלעקטריק טשער?

עס איז אמת, אז די וויסענשאפט פון גאט'ס ווארט פיהרט צום גלויבען אין ישוע המשיח. אט פאר דעם האבען טאקע די רבנים מורא. אבער זעהט דאך וואסארא תוהו־ובוהו־לעבען דאס נישט לערנען דאס תנ"ך ברענגט אין אידישען לאגער! זעהט וויפיעל טאטעס און מאמעס טראגען זיך ארום דערפאר מיט צובראכענע הערצער! קאנען דאס די רבנים ווען עס איז פערהיילען און גוט מאכען?

רבנים הזהרו בדבריכם. ווען די יונגע גענעראציע וועט אויפוואקסען אהנע ביבעל, אהן מורא און אהן דרך ארץ, וועלען זיי אויך קיין סינאגאגס און קיינע רבנים ברויכען, איהר פארשטעהט?

פון דעם שטאנדפונקט דארפען אידען געהן אין די פראטעסטאנטישע קירכען, דארט וואו מ'לערנט יא גאטס תורה, מ'גלויבט יא אין אידישען משיח ישוע, און מ'עהרט יא טאטע־מאמע, ווייל כה אמר ד'.

ליידער זיינען אידען אביסעל צו ווייט פארקראכען און פארפיהרט געווארען, אבער דאך איז עס נאך נישט צו שפעט.

---

## דער פריינד

### פאעמא

---

אין צייט ווען מיר איז געווען ביטער
האבען מיר פריינד געהאלפען אהן א שיעור
מ׳ט א ווארט אדער אן עצה א גוטער
זאגענדיג — פארלאז זיך נאר אויף מיר.

איך ווארט — איך זעה אבער ניט קיינעם
און אט באלד בין איך גאר פארביי,
צום גליק האב איך אבער געפונען איינעם
וואס ליעבט מיך און איז מיר געטריי.

ניע וועל איך איהם פון הארץ אבווישען,
נישט פארגעסען ביז די וועלט וועט שטיין,
גערן וואלט איך איהם האלזען און קישען,
יא, דער פריינד איז ישוע המשיח אליין.

---

## גרויסע אידען.



מיר שטעלען דא פאר אונזערע ווערטהע לעזער דאס בילד פון דעם הויכגעבילדעטען ’גרויסען איד“ יצחק העלמוט, וואס איז שפעטער געווארען ’בישאף“ פון דער אנגליקאנישער קירכע.

יצחק העלמוט איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען ביי זעהר רייכע און פאנאטיש־פרומע עלטערען אין ווארשוי, רוסלאנד.

זיינע עלטערען האבען זיך געסטארעט פון אנפאנג אן, איהם ביי גוטע מלמדים צו האלטען, און דאס האט געהאלפען אז דער יונגער יצחק האט מיט א פאר יאהר שפעטער געמוזט אין דער ישיבה פארען, ווייל קיין מלמד איז שוין פאר זיין שארפען קאפ נישט גענוג גוט געווען. און אין דער ישיבה האט ער באלד קונה שם געווען פאר אן „עלוי“ און א שארפען גמרא־קאפ.

ווען ער איז שוין גוט אנגעזאפט געווען מיט גמרא ופוסקים איז ער אוועק אין דעם ברעסלויער אוניווערזיטעט צו שטודירען וועלטליכע וויסענשאפט. און טאקע דארט אין ברעסלוי האט ער זיך בעקאנט מיט א אידישען מיסיאנאר דר. נוימאן, וועם אונזער יונגער העלמוט איז זיין לעבענס־לאנג דאנקבאר געווען דערפאר וואס ער, דער מיסיאנער, האט איהם געברענגט צו דער לייטער פון גדולה אין ישוע המשיח.

אזוי באלד ווי אונזער יונגער „העלמוט“ האט פון דעם מיסיאנאר געהערט דעם „כה אמר ה'“ איבער ישוע המשיח, האט ער זיך געטראכט „הלא דבר הוא“! און האט זיך טאקע פעסט גענומען דאס נייע טעסטאמענט צו שטודירען און האט באלד דרין דערזעהן די שמש צדקה פון ישוע המשיח שיינען און לייכטען, און אין א קורצער צייט האט ער אנגעהויבען צו גלויבען אין ישוע המשיח בלב ונפש און אויפ'ס ניי געשעפט חכמה ממקור החכמה, אין י ש ו ע ה מ ש י ח, ית"ש.

זיינע עלטערען זיינען אבער זעהר פרום געווען און דער יונגער העלמוט האט במילא נישט מעהר געקענט צו זיי אהיים פארען, ער איז דאן נאך ענגלאנד אוועק, און דארט האט ער דורך „טבילה“ עפענטליך באקענט ישוע אלס זיין משיח און זיין גואל.

ווען זיינע פרומע עלטערן האבען פון דעם אלעם דערהערט איז זיי נעביך פינסטער געווארען אין די אויגען. זיי האבען, ווי געוועהנליך, נאך דעם זוהן „קריעה“ געריסען און זיך „שבעה'' געזעצט, זיך קאפ אין וואנד געשלאגען, און איהם אויך מעביר

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הרועה הטוב יוחנן י׳ 11

# רעה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל ל״ד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח.

Vol. XIV No. 6 | 50 CENTS A YEAR | FEBRUARY, 1932


## פריידענקער פארלירט ביבעל־פראצעס

עס איז פאראן א מחנה מיט רויטע אידלעך אין דער גרויסער שטאדט ניו יארק וואס זענען נישט נאר געגען אידישען משיח נייערט אויך געגען אידישען גאט און געגען אידישען תנ״ך.

איינער וואס איז דער הויפט פון דער מחנה וואס רופען זיך אטעאיסטען, האט פארפיהרט א פראצעס קעגען די געזעצליכע פיהרער פון בילדונגס שולען, אז זיי זאלען נישט צולאזען דארט פאר די שטודירענדע קינדער פארצולייענען דאס אידישע תנ״ך, די ביבעל. זייער טענה איז געווען, בכן, אזוי ווי זיי צאהלען שטייער אויפצוהאלטען די שולען און אזוי ווי זיי גלויבען נישט אין דער ביבעל, ווילען זיי נישט אז זייערע קינדער זאלען אונטעררירכט ווערען אין דער רעליגיאן וואס זיי גלויבען נישט.

דאס נידערע געריכט האט איהם באלד ענטזאגט זיין געזוך און זיינע ארגומענטען, האט ער אפעלירט צו א העכערען געריכט און פון דארט האט מען איהם אויך זיין געזוך צוריק געוויזען. דאן האט ער אפעלירט צום העכסטען געריכט פון דער שטאאט ניו יארק, וואס הייסט „אפעלאציאנס געריכט“, אבער אויך פון דארט האט מען זיין געזוך ארויסגעווארפען.

ווען יענע חברה זאלען האבען כאטש א ביסעל שכל וואלטען זיי בעדארפט טאג ווי נאכט גאט דאנקען פאר דעם גרויסען נס וואס גוים וועלכע האבען אמאל געהאסט א איד בתכלית השנאה, צוזאם מיט זיין גאט און זיין תורה, גלויבען און ליעבען איצט די אידישע ביבעל, דעם אידישען משיח און דעם אידישען גאט, דעם אלהי ישראל. זיי עהרען און שעצען אזוי הויך דאס הייליגע תנ״ך, אז זיי ווילען זייערע קינדער זאלען עס לערנען און שטודירען און עס אויך ליעב האבען. איז דאס נישט פלאי פלאים!

דאס וואלט דאך זיין א גרויסער כבוד פאר יעדען איד אין אלע לענדער און אין אלע צייטען.

אין לוקס ב׳ לייענען מיר, ווי דער גרויסער צדיק ר׳ שמעון פלעגט מתפלל זיין צו גאט אז ער זאל דערלעבען צו זעהן דעם הייליגען משיח. אויף זיין עלטער האט ער טאקע דיעזע גרויסע זכיה געהאט בשעת ער איז אריין אין בית המקדש מתפלל צו זיין, האט די מוטער פון משיח אריינגעבראכט דאס קינד ישוע אין בית המקדש צו מאכען א פדיון הבן. איז דער רוח הקודש אויף דעם צדיק ר׳ שמעון געקומען, נעמענדיג דאס קינד אין זיינע ארעמס און אויפהויבענדיג זיינע אויגען צו גאט, האט ער געזאגט: „איצט מעג איך שוין אוועקגעהן לשלום פון דיעזער וועלט, דו האסט מיר איצט געוויזען דיין ישועה וועלכעס וועט זיין א ליכט צו בעלייכטען די גוים און א כבוד פאר דיין פאלק ישראל“. איהר הערט, ישוע איז אונזער כבוד!

צום סוף יאווען זיך עפעס אי־לעך פון כל המינים, רויטע און געלע, און טרעטען מיט די פיס זייער אייגענעם כבוד, וואס איז אן אוי פאר זיך עפעס אזא מין זאך וואס קלוגע מענשען קאנען נישט משיג זיין ווי אזוי אידען קאנען זיין אזוי וויט פארפיהרט אוועק צו ווארפען די פערזאן וואס די גאנצע ציוויליזירטע וועלט עהרט און שעצט, און דורך זייער פערווארפען דעם משיח באשמוצען זיי זייערע אייגענע נעסט און פארלירען די גרויסע עהרע וואס געביהרט צו זיי.

ווען נישט ישוע המשיח, דורך וועלכען דאס אידישע תנ״ך איז ערפילט און ערהויבען געווארען, ווער אין דער וועלט וואלט דענקען אז אידען פאר־דינען עפעס א כבוד? וואו איז געווען אפילו איין נאציע וועלכע זאל געווען ליעב האבען אידען? האט מען דען נישט געהאסט אידען אין דער גאנצער וועלט אנהויבענדיג פון מצרים ביז פערזיע, די מדינת בבל, אשור, רוים, אלע זענען דאך געווען אויסגעשפראכענע שונאי ישראל! יא, ביז ישוע המשיח איז געקומען איז נישט געווען א י י ן שנגלאנד אדער א י י ן אמעריקא, וואו דער איד האט געזאלט האבען גלייכהייט און פרייהייט, און דאס איז נור אלץ צוליעב די ביבעל, וואס דיעזע לענדער האבען געלערנט און געליעבט און צוליעב ישוע המשיח וואס זיי האבען געגלויבט מיט הערץ און נשמה.

ווען די „פילגרימס“, די ערשטע איינוואנדערערם אין אמעריקא, זענען נאהענט געקומען צום אמעריקאנער ברעג, האבען זיי — איידער זיי זענען ארונטער געשטיגען פון שיף — צוערשט געשאפען א קאנסטיטוציע וועלכע האט ענטהאלטען פארשידענע געזעצען אונטער וועלכע זיי און זייערע קינדער זאלען פיהרען און רעגולירען דיזעם נייע לאנד. דאס ערשטע געזעץ איז געווען ווי פאלגט:

„דיעזעס נייע פאלק אין דיעזען נייעם לאנד זאל פיר אימער זיין א קריסטליכע נאציע“.

וואס מיינט, אז דיזעס לאנד, אמעריקא, זאל תמיד זיין אונטער ישוע המשיח און אונטער זיין איינפלוס: ווייל „משיח“ מיינט „קריסטוס“ און קריסטליך הייסט „משיח׳יש“.

אזוי ווי דער משיח האט פערהייליגט דאס תנ״ך, אזוי זאלען אויך די מענשען וואס וועלען וואוינען אין דיעזען לאנד דאס זעלבע פערהייליגען. אט דאס איז געווען דער פונדאמענט אויף וועלכען די ערשטע גרינדער האבען דיעזעם לאנד אויפגעבויט.

נון שטעלט אייך פאר, ווי לעכערליך און מיאוס עס ציינגט זיך ארויס, ווען אידען וועלכע מ׳האט ערלויבט אין דיעזען לאנד אריינצוקומען, מאכען גאר א „ויצעקו“ און שרייען: אוועק מיט׳ן תנ״ך, אוועק מיט׳ן משיח און אוועק מיט גאט גופא, פשוט ווייל רויטע אידלעך ווילען אזוי.

אה אידען, אידען, איז עס נישט צייט אז איהר זאלט אויפהויבען אייער שטימע און שרייען בקול רם אז גאט און דער משיח און דאס תנ״ך איז אמת וצדק, און אננעמען דעם משיח ישוע אלס דעם אידישען פודה ומציל. דאדורך וועט דער גרויסער כבוד צוריקקומען אין אידישען לאגער און גאט׳ס ברכות וועלען קומען איבער אייך און איבער כל ישראל.

---

## דאס יונגע דור.

קלאנגען הערען זיך פון אלע זייטען וועגען די יונגע גענעראציע וואס האלטען נישט אזוי זעהר צאצקעדיג פון זייערע עלטערען. א זעהר ערליכער איד האט אונז דערצעהלט מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט א צובראכענעם הערץ, אז זיין דערוואקסענער זוהן האט איהם גערופען פארשידענע צונאמען און אלס א צוגאב האט ער צום סוף, מיט רוגזה אויף איהם אויסגעשריגען: „דו ביזט א ראט“!

באריכטען אין די צייטונגען שרייבען פון דערוואקסענע קינדער וואס שלאגען זייערע עלטערן און אין מאנכע פעלע שטעלט זיך אזא זוהנדעל נישט אפ פון צו מארדען דעם טאטען אדער די מאמע אדער אלעביידע.

עס איז זיך כדאי דא אנידער צו שטעלען און א טראכט טהון פון וואנעט עס קומט אזא פלוצים׳דיגע רציחה מצד א קינד צו עלטערן.

יא, פונקט ווי א גרויסער טייך מיט וואסער קומט אורשפרינגליך פון א קליין קוועלעכעל אזוי


Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927
Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y